העפטל 4 2 פענס
Heft 4, 1940

# ים

שנת ה׳ תש״א לאנדאן — ווייטשעפל
א. נ. שטענצל.

## ים

„כי הוא על ימים יסדה״

וואס איז דען דער אויפברויזנדיקער ים ?
אזוי פיעל און אזוי פיעל טראפן — צוזאם !
וואס איז דען אן אויפשוימענדיקע כוואליע ?
איינע — געטראגן און געטריבן פון אלע !

הונדערט מאל צושפילטערט און צושפריצט —
ווידער זיך צוזאמענגענומען און אויפגעבליצט,
דעם ווייססטן פון אלע ברעגעס צו דערגרייכן,
אויפצושוימען צו די פעלזיגסטע הייכן.

טויזענד מאל צעריבן און צעשיט —
און ווידער מיט זיין כוואליש מעכטיקן שריט,
אריינצוריסן זיך אין פארהוילנסטע שפאלטן,
פון בייזעסטן שטורעם נישט צוריק צו האלטן.

און וואס איז דען דער ים ווען ער איז שטיל ?
ער זאמעלט זיך מיט תהומ׳ישען געבריל,
מיט פרישע כוחות ברויזנדיק אויפצושוימען,
איבער ברעגעס, איבער פעלזיקע צוימען — — —

## ברויזנדיקער ים

I

א שטאטע צעשריגענע מעווע, צעפלאטערטע,
אין א טויטן היי־פיש זיך איינגעפרעסן מסתם,
די ווייסע פליגל תאוה׳דיק צעפלאשעטע,
איז דער אויפברויזנדיקער, דער צעשוימטער ים.

אויף טויזענד שטיקער צעריסן, אויף פּיץ־פּיצעלעך,
נישט אַ ברעקל מער ס׳וועט בלייבן פון אים צוריק!
פול איז די לופט מיט אומגליק און מיט טויט,
פון זייער ווילד־צעשריגענעם רציחהשען בליק.

אָנגעפּרעסענע, מיט דער נבלה געזעטיקט,
זיי וועלען אויפפליען מיט אַזאַ ווילדן געשריי,
דעמלט וועט ער צוריק ליגן בלייבן דער ים,
שטיל בנעימותדיק נאָכקוקנדיק נאָך זיי:

ווי דאָס פלאַטערט, ווי דאָס שיסט דאָס דורך דער לופט,
אַ נבלה אויג — כאַטש אויסצופּיקן די זון!
זולל־וסובא׳דיקע, פאַרפרעסענע מעוועס — —
וואָס ים איז, וואָס הימל איז — וואָס ווייסן זיי דערפון?

2

אויף געפאַלדעוועטן בויך אַזאַ קריכענדיקע,
אַ סיקענדיק־צישנדיקע, אַ גיפטיק־צעשפּריצטע,
אַזאַ רינגעלדיקע קלאַפּער־שלאַנג איז דער ים,
מיט צעפינקלטע בליקן פלאַמיק־אויפגעבליצטע —

ווי געוואַלטיק ס׳אַרבייט דאָס דער וואָגיקער גוף,
דאָס לעבעדיק־איינגעשלונגענע צו פאַרצערן!
מיט׳ן שטילן אויסצוקן פונם פאַרצוקטן,
פונם בויך דאָס פאַלדעווען ערשט אויפצוהערן.

און ווען ער איז שטיל דער ים, אַזוי זילבערדיק מאַט,
לעבעדיק צוציטערט מיט זיינע גלאַטע פאַלטן,
איז עס אַזאַ זאַטע, אויף זון זיך בריענדיקע,
אין די קנייטשלאַך פון איר לייב דאָס קעפּל באַהאַלטן.

און איז נישט אַ מאַטראָז אַזאַ שלאַנגען־באַשווערער?
אַ באַוועג, אַ בליק, דער ים פאַר׳כשופ׳ט איינגאַנצן!
און די שיף — דאָס שלאַנקע כיטרע שלאַנגען־קעפּעל,
מיט דער גאַנצער שווערקייט פון ים לייכט אויפצוטאַנצן.

## ס י ג נ א ל ע ן

וואָס איז שוין אַ טאָרפּעדאָ אין שטורעמדיקן ים,
און אויף בלויען הימל אַ ביסעל בלוי פון אויגן?
זיין גלאַטער קאָפּ־האָר אונטער דעם מאַטראָזן־הוט,
אַ בלייערנע קאַסקע מיט קופּער איבערגעצויגן!

וואָס זיינען שוין צווי הענט, צוויי מענטשליכע שוין,
און שרייפלאַך און רעדלאַך און קעסלען און מאָטאָרן ?
אַ ווינק מיט אַ בליק, אַ דרעען אַזאַ מיט'ן אויג,
און עלעקטרישע קנעפּ אַן אַלאַרם־וואָרן !

הימל און ים אין אויפברויזנדיקן פּאַרוויש,
און דער מענטש דאַצווישן אָפּגעמעקט צו ווערן — — —
ס'איז זיין יעדער באַוועג אַ רעדל, אַ שרייפל,
און ער אַ מאָטאָר מיט דערזען, מיט דערהערן !

באָמבעס און טאָרפּעדאָס און שטורעמדיקער ים,
און דער הימעל אומענדליך אין זיין צושטראַלן — — —
אויף דער גראַדער ליניע צווישן הימל און ים
שרייבן פלאַטער פון פעהנדלאַך — סיגנאַלן — — —

## אויף ברויזנדיקע כוואַליעס

עס איז די וועלט אַצינד אַזאַ וואַקעלדיק ברעט
פון ברויזנדיקע כוואַליעס געשליידערט און געיאָגט,
געטריבן פון ווינטן, פון בייזע, פון ווילדע,
ווער ווייסט וואוהין איצט ער טראָגט און פּאַריאָגט.

פון אַלע זייטן די משופּע'דיקע פעלזן,
מיט'ן אויג נישט צו דערכאַפּן, אַזוי ווילד, אַזוי גרויס !
און דאָס דרייען אין די געדערים, דאָס געמייקע
אַז דאָס גאַנצע האַרץ שיער זיך ס'רייסט מיט אַרויס.

דאָס ווירבלען, דאָס שוימען, דאָס ברויזנדיקע שפּריצן,
און פון הינטען — דער וואַיענדיקער וואַסער־הונט !
און אָט הויבט אויף זיך אַ כוואַליע — אַ הויכער באַרג,
אַראָפּצושליידערן־אַ אין אָפענעם אָפּגרונט — — —

מיט הענט און מיט פיס און מיט אַלע כוחות איצט
פעסטהאַלטן דאָס וואַקעלדיקע, דאָס איינציקע ברעט,
ביז פון ווייטן אויפפלאַמען ס'וועלן די לייכט־טורעמס
און דעם ראַטעווענדיקן ברעג מיט פרייד מ'דערזעט.

## א באלאדע פון א קליין שיפעלע

וואָס האָט ער אים דען געקענט מיטברענגען
פון די ברעגעס פון דאַנקירק און פון קאַליי ?
ווען ער וועט גרויס ווערן וועט ער עס שוין לעזן
מיט שטאָלץ, וואָס זיין טאַטע געווען איז דאָביי.

דעם ווייב וועט ער ברענגען דעם שראַם אויף זיין באַק,
פון אַ פאַרביילויפנדיקן שטיק שראַפּנעל !
ווי זי וועט דאָס אויפשרייען, אים דערזעענדיק,
אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן באַטרעטנדיק די שוועל.

אָבער אים, דעם העלד זיינעם, וואָס ברענגט ער מיט,
אַז געראַטעוועט זיך מיטן נאַקעטן לעבן בלויז !
זאָל ער אים קויפן אַ ביקס, שטאָט דער פאַרלוירענער זיינער ? —
און ס׳רייט־פערד זאָל זיין זיין פאַרמאַטערטע שויס —

— — — — — — — — — — —

ווי האָט עס אין אים אַזוי פריידיק אויפגעשוידערט,
ווען ער האָט דערשפירט אונטער זיך דעם ציטער פון ים :
ער וועט נאָך זען זיין היים, זיין ווייב און זיין קינד,
זי וועט לאַכן און וויינען, קושנדיק דעם שראַם !

אַ שיפל וועט ער אים קויפן מיט זעגל און אַ מאַסט
און ער, זיין העלד, וועט זיין דער מאַטראָזן־קאַפּיטאַן !
אַ העלד פון יענע העלדן, וועט זיין זיין קינד,
אין בלוט וועט ברויזן אים, דער גאַנצער אָצעאַן.

## א פארטרעט פון א מאטראז

פון זיין טאַטן, זיין זיידן, פון זיין עלטער־זיידן,
פון זייער ציען די פיש־נעצן און זעגל־שטריק,
האָט ער זיין האַלדז און נאַקן, זיין פעסטן, שטייסן,
און דאָס ברייט־ביינעקע אין זיין שיפן גענייק.

אַ צעווירעטע מאָפּע מיט לענדער און מיט שטעט,
איז זיין צעריסענע צורה פון רעגן און ווינד ;
פון דער צערויכערטע פייקע געשרויפט אין זיין מויל —
אויפן אָקעאַן די דאַמפערס און ווילדן־געשווינד.

ווי דער צעשפּיגלטער הימל כסדר אין ים,
אַזוי בייט זיך דאָס אין זיינע אויגן זיין בליק:
אַ מעסער, עס צו שטעכן אין דער זיבנטער ריפּ,
און אין האַרץ אַריין, עס אַנצופּילן מיט בליק.

פון זיין באַבען, ווער קאָן וויסן פון וועלכער,
דעם הענגענדיקן שמייכל אויף זיין אונטערשטער ליפּ,
און אין זיינע הענט, פאַררוקטע אין די קעשענעס
האַלט ער תמיד פאַר עפּעס אַ מויד אַ פעסטן קניפּ.

יאָ, דער ים מיט די כוואַליעס רוישן איבער זיין קאָפּ,
ווען פון שענק אַרויס, די לעצטע כוסה אויסגעלערט!
אַזאַ געלעכערטע לאַטקע זי וואָלט געווען
שאָקלט זיך אונטער זיין וואַקלדיק טראָט — די ערד.

## צו דער אינזל דא

ווי אין דעם שטורעמדיקן, אויפברויזנדיקן,
אין דעם ימים־געשורגע אונזער אינזל,
אַזוי אונזערע הערצער, געגרינטפּעסטיקטע,
אין דעם ווילדן שוימיקן בלוט־געריזל.

און וואָס ס׳זאָל נישט זיין, און וואָס נישט קומען,
מיר שווימען דורך דער וועלט מיט שנעלסטע שיפן —
מיט שעקספּירן אונזערן, מיט דאַרווינען,
מיר האָבן דעם זין פון לעבן באַגריפן!

און מוז די וועלט, דאָס לעבן איצט זיך ענדערן,—
ווי פון פליספּעדערן — פליגל צום פליען! —
ווי די מעוועס איבער אונזערע מאַסטבוימער
באַפליגלט דורכן לעבן מיר וועלן ציען!

ווי בלעטער פון דער ביבל ארויסגענומען
זיינען אין אונזער היים נאָך די בערג און די טאָלן
און האָט נישט מאַרקס פון אונזערע בלוט טראָפּן
אויסגערעכנט שוין אַלע זיינע פּינקטליכע צאָלן?

ווי מ׳קאָן דעם טייך אונזערן, אונזער טעמזע,
פון זיינע ברעגעס אַרויס נישט אַרויסרייסן,
אַזוי פון אונזערע הערצער אונזער ווילן,
אַלעמען און יעטוועדמען — אויפצעפּלייסן!

# צווײ פּיראַטן לידער

1

דאָס בלוט פון די זון זי רינט פון אונזערע וויאָסעלעס,
ווען מיר שניידן דעם ים אין דער לענג און אין דער ברייט ;
פונם ברויז פון די כוואַליעס ווי פון זידיקן בליי
מיר פלעכטן אַרום דער ערד אַ געקאָוועטע קייט.

און אַז זי וואַקלט זיך די ערד — זי וועט אַנקערן !
יאָ, יאָ, ברידערשאַפט מיר טרינקן אַלע פון איין פלאַש !
און אַז דאָס מעסער איז געשליפן שאַרף און געשפּיצט —
מיר טראָגן הייליק די ביבל אין דער צוויטער טאַש.

ווי אינם געיעג פונקט אויף אַ היי־פיש אונזער שפּיז
אַזוי וואַרפן מיר זי אינם רוקן פון דער ערד !
ס׳צאַפּלט יעדע פּאַרט־שטאַט ווי פאַרוויקלט אין אַ נעץ,
ווען דאָס אַנשווימען פון אונזער׳ס אַ שיף זי דערהערט.

און ווען ס׳רייסן זיך אונזערע הערצער מיט געזאַנג,
אויסגייענדיקע נאָך היים און נאָך ווייב און נאָך קינד,
ס׳באַגלייטן אונז די ים־פייגל מיט זייער געשריי
און אינם כאָר ס׳פאַלט אַריין ווילד דער שטורעם־ווינט.

2

אַ פּיראַטן־שיף מיט אויפגעצויגענע זעגלען,
מיט אַ מאַסט־בוים אין געוועט מיט יעדן ווינט,
איז די אינזל אונזערע צוויקלט מיט נעפּלען,
נישט צו דעריאָגן זי מיט ווילדסטן געשווינט —

אין אַ פאַלד פון אַ שטורעם, אינם קנייטש פון אַ כוואַליע
זי ענטרינט ווי אַ ים־פויגל געיאָגט פון אַ פייל !
אין נעפּל די זון — אונזער זיכערער קאָמפּאַס !
זי צו פירן פון וועלט־טייל צו וועלט־טייל.

די פאָן אויפן מאַסט־בוים צעשליסן און צעביסן
פון די זאַלציקע כוואַליעס ווי פון טשאַטעס מיט הינט,
אָבער ס׳ראַטעוועט זיך מיט איר ווער ס׳דערבליקט זי
אינם ווילדן געברויז פון ים־שטורעם און ווירבל־ווינט.

אַ וואַגלדיק־ענטרונענע שיף, אונזער אינזל דאָ,
רוט אויס אויף וואַקלדיקן אַנקער ביים שטילסטן פּאָרט,
און מיטן מיטגעברענגטן זאַק־רויב און געפאַנג
מיר פאַרטיילן זיך אויפן ווינק און אַן מינדסטן וואָרט.

## איטאליע*)

שוין לאַנג שוין, ווי ס׳האָט רוים אויסגעשטרעקט איהר פוס,
אין „פוטבאָל" מיט דער ערד צו טון זיך אַ שפּיל,
אין מיטן הויב אָבער געטון אַ צוק ס׳האָט איר קני
און נישט געטראָפן אפנים אינ׳ם ריכטיקן ציל.

שטיין ווידער איצט די „טויערען" אויפגעשטעלטע,
דער באַלעם אין מיטן ליגט קיילעכדיק און גרויס!
און רוים איר לאַנגען, איהר באַשטיוועלטן פוס,
אויסגעשטרעקט האָלט שוין ווידער צום ערשטן שטויס.

פון אַלע פיער זייטען צוזאַמענצולויפן זיך,
צונויפצופלעכטן זיך אין פאַרפּלאָנטערטן קנויל,
שטיין זיי אָנצאָהליקע, די וואַרטנדיקע פיס
מיט ווילדן ציטער ביז אינ׳ם גלאָט פון זייער זויל —

— — — — — — — — — — —

ווי וועט עס ווידער איצט געבען אַזאַ ווילדן צוק,
פונ׳ם קנעכל היגטן ביזקל צום קני אַרויף!
און דאָס צעפּלאָשען פון די פאַרפּלאָכטענע פיס,
צעטומעלטע אין זייער אַהין־אַהער־געלויף — —

## צום מיטלענדישן ים

ווי וועט דאָס געבן אַזאַ ווילדן שורגע,
ווי פון אַ שלאָג־אָדער וואָס ווערט אויפגעריסן —
פון אַ גאָרגל פון אַ וואָיענדיקן וואָלף,
ווען דער לייב האָט זיך אין אים אַרייַנגעביסן!

דער עגעאישער ים מיט אַלע זיינע אינזלען,
מיט זידיקן בלוט ער וועט פאַרגאָסן ווערן;
און דאָס געכאָרכל פונם אַדריאַטישן,
אין די ווייטסטע ווייטן מ׳וועט עס דערהערן!

מיט אַלע זיינע בערג און בערגלאַך אַנדאַלוזיען
אויפגעציטערט, אין געוואַלטיקן זיך צעוויגן — —
אָ, דער שוואַרצער ים — אַ פאַרגליווערט שטיק בלוט,
פון אַ לעצטן אָטעם אויסגעשפּיגן — — —

יאָ, אַ לעבעדיקער לייב, אַ צעהירזשעטער,
דער צעכוואַליעטער ים מיט שוימיקע וועלן!
זיינע צעפּאָכעטע לונגען, די געוואַלטיקע,
ס׳איז דער סועץ־גיבראַלטאַר און דאַרדאַנעלן.

---

*) אויף דער מאַפּע זעהט אויס איטאַליען ווי אַ שטיוועל.